# דרײַ לידער

## אַבֿרהם רעזמאָוויטש (אונגאַרן)

### 1. אַ שטיל פֿײַערל

אַ שטיל פֿײַערל יאָגט מיך
טרײַבט מיך אין די יאָרן דורך
ער לאָזט מיך נישט רויִק קיין רגע
מיר זענען שוין ווי אַלטע באַקאַנטע
וואָס זשע וויל ער פֿון מיר האָבן
צי איז ער מײַן געוויסן?

דער עיקר איז דאָס פֿײַערל
דאָס ברענט פּאַמעלעך אָן פֿלאַקערן
אָט אַזוי — אפֿשר וועל איך דערזען
ווי אַזוי די רעדעלעך וועלן זיך דרייען
און דערזען דאָס גורל פֿון אַלעמען
וואָס משמעותדיק מיר טײַער זענען.

### 2. זקנה

דער וועג נענטערט זיך צום ציל
און מע טוט אַ קוק אויף צוריק
אויפֿן פֿאַריתומטן ווײַטן נעסטל
נאָר ס׳איז דאָ אַ שאלה: נאָך וויפֿל?

זוך נישט קיין ענטפֿער אויף דער פֿראַגע
נישטאָ קיין טעם זיך צו אײַלן.
אויב דו קענסט גיין האָ׳נישט קיין מורא
דער טײַוול זאָל אויף דעם טראַכטן.

## 3. אַ בריק אין דער ווײַטקייט

אַ שווער וואָרט, וואָס איז אמת און ליגן
מע זאָגט אַזוי — זי איז ווײַט פֿון מיר
און דאָס איז דער ליגן, אַזוי צו זאָגן
ווײַל געדאַנקען בויען אַ בריק צו איר.

טעג און יאָרן, איינזאַמע, מאָנאָטאָנע,
שלעפּן זיך מיטן טרויער און פֿאַרלוסט
צוליב וואָס שלעפּן זיך די לאַנגע
שווערע יאָרן ווי אַ שטיין אויפֿן ברוסט?

כ׳האָב אויסגעטראַכט אין מחשבֿה
און רוף זי כּדי צו הערן איר עצה —
איך הער איר קול. זי זאָגט:
″נישט זיך אופֿהאַלטן! לעבן דאַרפֿסטו!″